"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פרשת משפטים ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון מ ||| שנה ב'

# הבינני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

**פטרון סדר שמות**
ע"י אחד מבני החבורה
לעילוי נשמת אביו ע"ה
זכות לימוד התורה
יעמוד לו ולזרעו עד עולם

## בך בטחתי

### אז תתענג על ה';
די עונג וואָס קומט פון האָפן צום אויבערשטן

שיעורי חוה"ל שער הבטחון שיעור כ"א, יום רביעי פרשת וילך ג' תשרי תש"פ

א

## אל תירא כי יעשיר איש; געלט איז נאָר אַ 'מיטל', הנאה איז דער 'תכלית'

### דער בעל בטחון באַקומט די תכלית פון געלט

מיר האַלטן אינמיטן לערנען דעם געוואַלדיגן יסוד, וואָס דער חובת הלבבות שטעלט אַראָפּ אין דעם 'זעקסטן מעלה' וואָס דער 'בעל בטחון' האָט העכער דעם 'בעל אלכימיה'; אַז דער בעל בטחון האָט אַלעמאָל דעם תכלית פון געלט, וואָס דאָס איז רואיגקייט און תענוג הנפש אָבער דער בעל האלכימיה, אפילו אין פאַל וואָס ער פאַרדינט שוין יאָ דאָס געלט, פעלט אים למעשה די תכלית פון געלט. ער איז קיינמאָל נישט פאַרזיכערט פון מחלות און אַנדערע זאַכן וואָס נעמען אים אַוועק די הנאה און עונג.

### געלט איז נישט אַלעס, געלט איז בלויז אַ מיטל

דער חובת הלבבות זאָגט פאַר'ן מענטש: אַגאַנצע צייט ביזטו פאַרנומען קוקן, דער מאַכט געלט, יענער מאַכט אַסאַך געלט... דערנאָך פרעגסטו: "ס'איז נישט אַזוי פשוט ווי מען מאַכט עס... כ'זעה דאך דאס מציאות אַז דער 'בעל האלכימיה' פאַרדינט אַסאַך געלט און דער 'בעל בטחון' האָט נישט אַלעמאָל קיין גרויסע פּרנסה."

ערקלערט אונז דער חובת הלבבות: קודם כל איז דאָס נישט אמת, ווי מ'האָט שוין אויסגערעכנט אין די ערשטע פינף מעלות פון דעם בעל בטחון העכער דעם בעל האלכימיה. אָבער אפילו אויב דו ביזט גערעכט אַז דער בעל האלכימיה פאַרדינט מער געלט, הייב אָן כאַפּן אַז **געלט איז נישט די זאַך!**

די תכלית פון געלט איז צו קענען האָבן אַ לעבן פון הנאה מיט תענוג, געלט איז נאָר אַ מיטל דערצו! אַלע וואָס לויפן נאָך געלט טוען דאָס ווייל זיי האָפן אַז דאָס וועט זיי ברענגען שמחה און חיות הנפש. און דאָס איז דאך קלאָר שוואַרץ אויף ווייס אַז **דער בעל בטחון קומט אָן צו דעם מטרה! ער דערגרייכט עונג, הנאה און שמחה!** ווידער דער בעל האלכימיה קומט נישט אָן צו אָט דעם תכלית! דאָס איז דאך דברים ברורים.

### וואָס האָט מען פון געלט אָן קיין שמחת החיים?

דער בעל האלכימיה קען אפשר האָבן מער געלט, אָבער וואָס האָט ער פון די גאַנצע געלט, אויב יעדע קליינגקייט, יעדע מחלה און יעדע שוועריגקייט, נעמט אים אַוועק זיין מנוחת הנפש?!

דער חובת הלבבות ברענגט אונז דעם משל פון קרענק אַלס אַ דוגמא. דאָס הייסט אַז לאָמיר שוין זאָגן אַז אַ מענטש האָט יאָ פּרנסה אָן קיין בטחון. ער איז שוין אָנגעקומען צו דעם 'שטאַפּל נומער איינס' און 'שטאַפּל נומער צוויי', אָבער ער איז קיינמאָל נישט אָנגעקומען צום 'שטאַפּל נומער דריי'!

דאָס געלט ליגט אים טאַקע אין באַנק, און לאָמיר שוין זאָגן אַז ער האָט אפילו געקויפט מיט דאָס געלט אַסאַך ווערטפולע זאַכן, **אָבער דאָס איז נאָכנישט די לעצטע שטאַפּל!** די לעצטע שטאַפּל איז צו באַקומען הנאה און תענוג, און דעם לעצטן שטאַפּל קען מען זיך נישט נעמען אַליין! מ'דאַרף וואַרטן אַז מ'זאָל דאָס באַקומען פון דעם אויבערשטן אַליין!

### דער בעל בטחון דערגרייכט דעם ציל תיכף ומיד

דער איד וואָס איז בוטח בה' קומט אָן גלייך צו דעם לעצטן און העכסטן שטאַפּל, **ער געפינט זיך אין אַ וועלט פון עונג אַדאַנק זיין בטחון!** ער דאַרף נישט דורכגיין די אַלע שטאַפּלן ביז אַהער, ער מוז נישט פאַרדינען קיין גרויסע געלטער כדי צו האָבן די מאַקסימום עונג, נאָר ער באַקומט תיכף זיין הנאה און זיין ישוב הדעת, וואָס **דער אַנדערער מיט די פעסטע פּרנסה איז נאָך קיינמאָל נישט אָנגעקומען דערצו!**

מ'דאַרף זיך גוט איינ'חזר'ן דעם יסוד אין

### אותיות מחכימות

ישמח משה פרשת נשא ד"ה במדרש פרשה זו

ועל פי זה יתבאר המדרש (במדבר רבה, פרשה י"ט סימן כז): "לא פקדה התורה לרדוף אחר המצוות, אלא כי יקרא קן צפור לפניך, כי תפגע שור אויבך, כי תראה חמור שנאך, כי תחבוט, כי תבצור, כי תבוא בכרם רעך, אלא אם בא לידך תעשישהו, ואם לא בא לידך אין אתה צריך לרדוף אחריו."

לפי שאין לך דבר ותנועה שאין בו עבודת הבורא, כאמור בכל דרכיך דעהו, אם כן למה ירדוף שתבא לידו, מה לי זו מה לי אחרת, על דרך משל אם יש לו פנאי לרדוף יעסוק בתורה ותלמוד תורה כנגד כולם רק אם בא לידו חביבה מצוה בשעתה והבן. וגם מצוה זו שירדוף אחריה מתקיימת על ידי אחר, וישראל ערבין זה בזה, זה עושה מצוה זו וזה עושה מצוה זו.

אונזער הארץ ווייל מיר לעבן אין אַ טפשות'דיגע וועלט, וואו עולם גולם דרייט זיך אַרום און יעדער זעט די זעלבע זאַך: יעדער זעט קלאָר וויפיל **גרויסע עשירים פייניגן זיך אָפּ אַגאַנץ לעבן, זיי האָבן ווייסע האר פון צער און עגמת נפש**, זיי זענען צערידערטע מענטשן און האָבן נישט קיין שום ישוב הדעת, הנאה אָדער עונג אין זייער לעבן, **אָבער מענטשן קוקן ווייטער אויף זייער ריכטונג מיט קנאה און שעצונג...** דער חובת הלבבות זאָגט אונז: "וועק זיך אויף אַ מינוט, פאַרוואָס לויפט מען נאָך געלט, נישט ווייל מען זוכט שמחה און שלוות הנפש?".

ב

# תוחלת ממושכה מחלה לב; די ריכטיגע אופן וויאַזוי צו וואַרטן אויף אַ ישועה

## ענדלאָזע האָפענונג איז נישט געזונט פאַר'ן מענטש

**שלמה המלך** זאָגט אין משלי (יג, יב): "**תוחלת ממושכה מחלה לב**". די טייטש פון די ווערטער מיינט אַז אַ מענטש וואָס זיצט און וואַרט און האָפט אַז ער זאָל געהאָלפן ווערן, אָבער די זאַך קומט נאָכנישט אָן, ווערט ער דערפון קראַנק. דאָס האַרץ ווערט אים אָפּגעשוואַכט, סיי נפשיות'דיג און סיי פיזיש, דער אויבערשטער זאל אָפּהיטן, ס'מאַכט אים קראַנק כפשוטו.

דער חכם מכל האדם, שלמה המלך, האָט געהאַט די ריכטיגע הבנה וויאַזוי אָפּצולערנען דעם 'נפש האדם'. זאָגט ער אַז ווען אַ מענטש וואַרט אַזוי לאַנג אַז ער זאָל געהאָלפן ווערן מיט סיי וועלכע זאַך, ברענגט דאָס אים אַ טיפע ווייטאָג. ער האָט דאָך שוין אַזויפיל מאָל געהאָפט און ס'איז נישט געשען, עד כדי כך אַז ער ווערט ממש קראַנק פון דעם.

## דער נפש האדם קען נישט פארנעמען אויסגעבלאזענע האָפענונגען

פאַרוואָס איז דאָס וויכטיג צו וויסן?! ווייל ס'איז דאָ אַ כלל, **אויב אַ מענטש ווערט קראַנק פון עפּעס, מיינט דאָס אַז יענע זאַך איז נישט נישט געמאַכט פאַר אים**. ס'איז נישט גוט פאַר זיין נאַטור.

אונזער 'נפש' און אונזער 'גוף' איז נישט געבויעט אַז דער מענטש זאָל קענען עוסק זיין אין אַזעלכע סאָרט מחשבות און געפילן, והא ראי' אַז מען ווערט פשוט קראַנק דערפון.

ווען אַ מענטש עסט אַן אומגעזונטע מאכל, וועט ער גלייך נאָכדעם שפּירן נישט גוט, ווייל דאָס איז נישט געמאַכט צום עסן! איי מענטשן עסן דאָס יאָ? ווייל זיי האָבן שוין פאַרגעסן וויאַזוי זיי האָבן געשפּירט פאָריגע מאָל נאָכדעם וואָס זיי האָבן דאָס געגעסן.

דאָס זעלבע זעט מען ביי דעם מאַשין צו שניידן גרינצייג, וואָס איז דאָ אין אַסאַך אידישע שטיבער. אויב לייגט מען דאָרט אַ האַרטע זאַך וועט די מאַשין אָנהויבן מאַכן אַ גערידער און האַקן, **ווייל ס'איז נישט געמאַכט געוואָרן צו אַריינלייגן דאָרט אַזעלכע זאַכן!** זיי נישט קיין איבער חכם, ס'איז פשוט נישט געמאַכט געוואָרן פאַר דעם! אַזוי אויך ווען מען לייגט אַריין אַן אַנדערע סאָרט געזאָלין אין דער קאַר וועט עס מאַכן פּראָבלעמען, ווייל די גאַז איז נישט געמאַכט פאר דער סאָרט קאַר.

זאָגט שלמה המלך אַז די זעלבע זאַך איז ווען אַ מענטש וואַרט און האָפט אַסאַך צייט אויף אַ זאַך, זאָל ער וויסן אַז דאָס ברענגט אַ 'מחלת לב' און **דאָס באַדייט אַז ס'איז נישט גוט פאַר'ן מענטש!** אַ מענטש איז נישט באַשאַפן געוואָרן צו קענען זיך אַרומדרייען לאַנגע יאָרן און האָפן אויף עפּעס. דער רבוש"ע האָט נישט באַשאַפן דעם גוף און נפש אַז ס'זאָל קענען פארנעמען אַזאַ סאָרט געפיל.

## ס'איז דאך פאַרהאַן גוטע רוחניות'דיגע און נצחיות'דיגע האָפענונגען

וועט אַ מענטש פרעגן: מילא איינער וואָס האָט זיך איינגערעדט אַז ער גייט ווערן אַן עושר, דאָס איז געווען זיין חלום פון אַלעמאָל און ער זיצט און וואַרט אַז דאָס זאָל פּאַסירן, דעמאָלט קען מען גוט דערהערן וואָס שלמה המלך זאָגט אים: זיי זיך מייאש און פאַרטיג! ווילאַנג גייסטו זיך אַרומדרייען מיט דעם זעלבן שטות! ביזט שוין פאַרנומען יאָרן דערמיט! כ'געדענק נאך ווי אלס בחור אַלס בחור האָסטו געהאַט די פייגעלעך אין קאָפּ... הער שוין אויף מיט דעם!

אָבער ס'איז דאָך דאָ אַזויפיל מענטשן וואָס וואַרטן אויף אמת'ע זאַכן! אידן וואַרטן צו געהאָלפן ווערן מיט רוחניות'דיגע ישועות! אידן וואַרטן צו געהאָלפן ווערן מיט אַ שידוך! אַ איד וואַרט געהאָלפן צו ווערן מיט זרע של קיימא, אודאי האָט ער אמונה און ער איז זיך מחזק אַגאַנצע צייט, אָבער דערווייל וואַרט ער שוין לאַנגע יאָרן! **וויאַזוי קען מען אים זאָגן אַז דאָס איז "מחלת לב"?!** ער וואַרט דאך אויף אַן אמת'ע נצחיות'דיגע זאַך! **ער וואַרט אויף אַ זאַך וואָס דער רבוש"ע וויל אַז ס'זאָל זיין!** וואָס ווילסטו יעצט, אַז ער זאָל זיך חלילה מייאש זיין און אויפהערן בכלל האָפן אויף אַ ישועה?

## וואַרטן יאָ, ברענגען תוצאות נישט

דאָ ליגט אָבער אַ געוואַלדיגע דערהער, לויט דעם יסוד וואָס מ'האָט שוין באריכות אויסגעשמועסט אַז "דער מענטש קען נישט ברענגען קיין תוצאות אויף למעשה"! אַ מענטש קען בלויז טון פּעולות, ער האָט אָבער נישט קיין שום מעגליכקייט צו מאַכן תוצאות!

> "וועק זיך אויף אַ מינוט, פאַרוואָס לויפט מען נאָך געלט, נישט ווייל מען זוכט שמחה און שלוות הנפש?".

מען האָט דערמאַנט דערויף דער כלל וואָס ר' יוחנן זאָגט אין אָנהויב **מסכת תענית** (דף ב, ע"א): **שלשה מפתחות בידו של הקדוש ברוך הוא שלא נמסרו ביד שליח, ואלו הן מפתח של גשמים, מפתח של חיה, ומפתח של תחיית המתים**". די אַלע דריי זאַכן - פּרנסה, קינדער און תחיית המתים - ליגט בכלל נישט ביים מענטש, ער קען גאָרנישט טון דערצו!

## פּרנסה איז פּונקט ווי תחיית המתים; מיר קענען גאָרנישט טון

שטייט אַ איד אין בית החיים און ער וואַרט אויף תחיית המתים. ער קוקט אויף זיין זייגער, שוין אַריבער אַנדערהאַלבן שעה, אָבער ער זיך מחזק אַז אי"ה באַלד קומט שוין תחיית המתים. זיין חבר וואָס טרעפט אים דאָרט שטיין זאָגט אים: "וואָס וואַרטסטו דאָ? גיי טו עפּעס מיט דיין טאָג". ענטפערט יענער: "דו כופר איינער, אני מאמין באמונה שלימה בתחיית המתים בעת שתעלה רצון מאת הבורא ית"ש, איך וואַרט אַז ס'זאָל שוין געשען תחיית המתים!".

ווער איז גערעכט פון די צוויי?! **אודאי דער צווייטער וואָס האָט אים געהייסן אַוועקגיין!** מיר זענען מחויב צו גלייבן באמונה שלימה אין תחיית המתים, אָבער ווען דו שטייסט אין בית החיים און קוקסט אויפ'ן זייגער, כאילו דו ווילסט מזרז זיין די זאַך, "נו, נו, ווען געשעט דאָס שוין..." **צייגסטו דערמיט אַז דו ווילסט אַליין ברענגען די תוצאות. און ביי דעם ענין קענסטו נישט ברענגען קיין שום תוצאות!** זאָג ווייטער 'אני מאמין', גלייב ווייטער באמונה שלימה, אָבער געדענק אַגאַנצע צייט אַז די תוצאה פון 'תחיית המתים' וועט זיין בלויז 'בעת שתעלה רצון מאת הבורא יתברך שמו'.

קומט רבי יוחנן און לערנט אונז, אַז אויב ביי 'תחיית המתים' פאַרשטייסטו דאָס גוט, **זאָלסטו וויסן אַז פּונקט די זעלבע זאַך איז ביי אַלע ענינים פון 'פּרנסה' און 'קינדער'!** די אַלע תוצאות דערפון קענען נאר געשען 'בעת שתעלה רצון מאת הבורא', און מיר קענען נישט טון קיין שום תוצאות דערצו!

דו דאַרפסט וואַרטן און מתפלל זיין פאַר אַ ישועה, אָבער **געב איבער די תוצאות פאַר'ן אויבערשטן!** שפּיר נישט כאילו ס'ליגט אין דיינע הענט!

# שמחו צדיקים בה'; דער תענוג פון אמת'דיג זיך פאַרלאָזן אויף השי"ת

## דער בעל בטחון באַקומט די שמחה פון דאָס וואַרטן

זייער הייליגע ווערטער שרייבט דער **רבינו יונה**, אין משלי, אויף דעם פסוק "תוחלת ממשוכה מחלה לב". ער פרעגט: וויאַזוי קען זיין אַז צדיקים האָבן געוואַרט פערציג פופציג יאָר אויף אַ ישועה און זיי זענען נישט פאַרלוירן געוואָרן?! וויאַזוי קען זיין אַז ביי זיי האָט דאָס וואַרטן נישט געברענגט קיין 'מחלת לב'?

נאָר - זאָגט דער רבינו יונה - דער תירוץ דערויף איז אַז די צדיקים זענען משיג די שמחה פון דעם עצם וואַרטן און דאָס עצם אַרויסקוקן אויף דער ישועה פון השי"ת. **זיי זענען אַלעמאָל בשמחה אויף דעם אליינס אַז זיי האָפן צום אויבערשטן!** זיי זענען פריילעך אַז זיי האָבן מצליח געווען צו זיך פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן! דעריבער ווי לענגער עס געדויערט זיי דאָס וואַרטן, האָבן זיי מער 'עונג' פון דער עבודה וואָס זיי דינען השי"ת מיט בטחון!

## יעדע קען שפּירן דעם סאָרט תענוג

די טעות וואָס מיר מאַכן אָפּט ווען מען לערנט אַזאַ שטיקל רבינו יונה איז, אַז מען טראַכט גלייך אַז דער רבינו יונה רעדט געוויס בלויז וועגן צדיקים גמורים. מסתם איז דאָס אַ מדריגה וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט אונז.

דער אמת איז אָבער אַז אודאי האָבן צדיקים גמורים אַסאַך אַ גרעסערע דערהער אין דעם 'עונג' פון בטחון, מיט אַסאַך אַ טיפערע מדריגה, אָבער דאָס איז שייך פאר יעדן איד! ס'איז דאָ טויזנטער ערליכע אידן אין אַלע דורות, און אויך אין אונזער דור, וואָס קענען עדות זאָגן אַז **דער רבינו יונה איז געזאָגט געוואָרן פאַר יעדן מענטש וואָס דראַפּעט זיך אויפ'ן לייטער פון בטחון!** אפילו אויב מען האַלט נאָך ביים ערשטן שטאַפּל פון בטחון באַקומט מען שוין די ערשטע מדריגה פון עונג, נאָכדעם ווען מען גייט אַרויף צום קומענדיגן שטאַפּל באַקומט מען נאָך אַ מדריגה פון עונג, און אַזוי ווייטער ממדריגה למדריגה.

## די רואיגקייט פון דעם בוטח; די תוצאות איז נישט בידי

אַזוי האָט דאָך דער חובת הלבבות אָנגעהויבן זיין פּתיחה צום שער הבטחון, אַז מען דאַרף גוט דערהערן אַז "תוצאות איז אַ הימלישע זאַך וואָס קען נישט געשען דורך די מענטשליכע האַנט". **תוצאות ליגט נישט בידי אדם!** די וואָס רעדן זיך איין אַז זיי קענען אַליין ברענגען תוצאות, מאַכט עס זיי פּשוט קראַנק, ווייל זיי פּרובירן אַזויפיל השתדלות און זיי אַרבעטן אַזוי שווער צו באַקומען וואָס זיי ווילן, און ווען זיי באַקומען דאָס נישט ווערן זיי ממש קראַנק פון שברון לב.

ווידער אַ איד וואָס האָט געלערנט די סוגיא פון בטחון און ער ווייסט אַז מיר דאַרפן בלויז מאַכן אונזער השתדלות ווייל דאָס איז דער רצון ה', אָבער די תוצאות ליגט בלויז ביי השי"ת אין דער האַנט, **אַזאַ איד איז זוכה צו אַ שלות הנפש און צו אַן אייביגע הנאה ותענוג.**

## דער מענטש קען סייווי נישט טוישן די רעזולטאַטן

איינער וואָס מיינט אַז ער קען זיך אליינס ברענגען די תוצאות איז ווי אַ מענטש וואָס דער רבוש"ע האָט אים נישט געגעבן דעם 'חוש הנגינה', ער איז נישט געבוירן מיט דעם טאַלאַנט, אָבער ער פּרובירט און פּרובירט, ביז ער ווערט ממש אַנטוישט און קראַנק אַז ס'האָט זיך אים נישט איינגעגעבן....

דער משל איז נישט ממש גלייך צום נמשל, ווייל די חוש הנגינה וועט געווענליך השי"ת נישט מאַכן אַז ס'זאָל נשתנה ווערן אין אַ שיינעם טאָג. איינער וואָס קען נישט זינגען וועט זיך נישט טוישן זיין נאַטור. אָבער ביי אַנדערע זאַכן מאַכט יאָ דער רבוש"ע אַז ס'זאָל געטוישט ווערן! ביי די אַלע ענינים פון זרע של קיימא, שידוכים און פּרנסה מאַכט דער רבוש"ע אַז ס'זאָל ווערן נשתנה לטובה!

אָבער אויף אַזויפיל איז דאָס יאָ גלייך צו דעם חוש פון נגינה אַז **ס'לוינט זיך פּשוט נישט צו פּרובירן אַליין עפּעס צו טוישן, ווייל דער מענטש קען נישט ברענגען קיין תוצאות!** אויב וועט ער צופיל פּרובירן וועט דאָס אים מאַכן קראַנק, ווייל אונזער גוף איז נישט געבויעט צו דערהייבן אַזאַ לאַנגע אַנטוישונג. דער רבוש"ע האָט נישט באַשאַפן דעם מענטש אויף אַזאַ סאָרט אופן אַז ער זאָל דאָס קענען דערהייבן.

## אפילו נאָכ'ן געהאָלפן ווערן איז מען נאָכנישט פאַרזיכערט מיט הנאה

אַ איד וואָס וואַרט אויף אַ ישועה דארף וויסן און זיך חזר'ן אַז די ענדגילטיגע תוצאה - די תענוג און שלוות הנפש - ליגט קיינמאָל נישט אין זיין האַנט. אפילו אויב ער גייט למעשה באַקומען דאָס וואָס ער האָט געבעטן, **איז ער נאָך אַלס נישט פאַרזיכערט** אַז דאָס וועט אים טאַקע ברענגען זיין ערוואַרטעטע רואיגקייט און הנאה!

דער מענטש האָט זיך אויסגעמאָלן אַ בילד אין קאָפּ אַז אויב זיין לעבן וועט אויסזען כך וכך וועט ער דעמאָלט האָבן דעם שלימות'דיגן עונג. ער איז פאַרזיכערט אַז אויב וועט ער האָבן אַזויפיל קינדער, מיט אַזאַ דירה, מיט אַזאַ פּרנסה, דעמאָלט וועט ער באַקומען די תענוג וואָס ער דאַרף האָבן.

אָבער וויפיל מאָל איז דאָ וואָס מען ווערט שוין יאָ געהאָלפן מיט אַ קינד, און נאָכדעם גייט מען חלילה אַריבער אַזויפיל עגמת נפש פון דאָס קינד, אויף קיין שום איד נישט געוואונטשן.

וויפיל מאָל איז געווען ביי צדיקים וואָס מענטשן האָבן זיך איינגעבעטן אַז זיי גייען נישט אַרויס פון טיר ביז זיי ווערן געהאָלפן, און זיי האָבן טאַקע מצליח געווען צו באַקומען דעם ערשטן שטאַפּל, דאָס קינד איז געבוירן. אָבער נאָכדעם האָבן זיי ליידער נישט געקענט שעפּן קיין נחת, צי ווייל זיי זענען קראַנק געוואָרן, אָדער ווייל דאָס קינד האָט זיך נישט געפירט ריכטיג. זיי האָבן נישט געקענט הנאה האָבן, **ווייל מ'קען זיך נישט נעמען קיין תוצאות מיט געוואַלד!** מ'קען זיך נישט נעמען קיין הנאה מיט אַ האַמער!

## באַקומען דעם תכלית התענוג איז בלויז דורך בטחון

אפילו ווען אַ מענטש וואַרט אויף אַן אמת'ע וויכטיגע און נצחיות'דיגע זאַך דאַרף ער אלעמאל געדענקן אַז די זאַכן פון 'מפתח של פּרנסה' און 'מפתח של בנים', באַלאַנגט פאר השי"ת! דאָס הייסט אַז סיי פּרנסה, און סיי קינדער, זענען למעשה בלויז אַ מיטל אָנצוקומען צו אַ געוויסן תכלית און **דער תכלית קען דיך קיינער נישט געבן בלויז דער אויבערשטער אַליין!**

אפילו אויב דו גייסט דאָס שוין יאָ באַקומען, איז בכלל נישט מוכרח אַז דו גייסט באַקומען דעם אמת'ן תוצאה דערפון, וואָס דאָס איז עונג מיט הנאה, שמחה מיט שלוות הנפש!

וויאַזוי קען מען יאָ באַקומען דעם אמת'ן תכלית פון הנאה? **ווען אַ איד גיט זיך איבער פאַר'ן אויבערשטן, ער ווייסט אַז ער איז אָנגעהאָנגען אין השי"ת יעדע סעקונדע.** אָט די ידיעה ברענגט אַזויפיל עונג! ווי דער פסוק זאָגט: **"עיני כל אליך ישברו ואתה נותן להם את אכלם בעתו"**. ווען אַ איד האָפּט צום אויבערשטן באַקומט ער אַזאַ הנאה פּונקט ווי ער האָט באַקומען זיין 'אכלם בעתו'. דאָס גיט די מאַקסימום עונג פאַר'ן מענטש, ווייל ער זעט בחוש וויאַזוי דער אויבערשטער העלפט אים אויף טריט און שריט!

די זאַכן פון 'שמחה' מיט 'הנאה' זענען דאָך

### אותיות מחכימות

רבינו יונה, משלי יג, יב

הנה כתוב בענין התאות לעושר ולכבוד "תוחלת ממושכה מחלה לב". אך תוחלת הצדיקים אינה מחלת לב, כי ששון ושמחה ימצא בה, מפני כי תוחלתם לא על כוחם ועוצם ידם ולא אל בינתם ישענו, כי על רחמי השי"ת, וכן כתיב (משלי ג, ה): "בטח אל ה' בכל לבך ואל בינתך אל תשען".

ולא ידאגו בהמשך התוחלת, כי אינם דואגין למיעוט העושר, ככתוב (שם טו, טז): "טוב מעט ביראת ה'", אך שמחה ישיגון מן התוחלת על כל פנים, כי הם שמחים בכל עת על אשר השיגו לערוך תוחלתם לאלוקים ולשום תקותם לחסדו. וכל מה שנמשכת ומתאחרת תוחלתם, הם מתענגים על העבודה אשר יעבדון את האלוקים בתוחלת ובבטחון.

רוחניות'דיגע באַגריפן, דאָס קען מען נישט נעמען אַליין. אָבער אַ איד וואָס האָפט צום אויבערשטן באַקומט אַ נאָנטקייט און אַ קלאָרקייט אין אמונה. **ער באַקומט די הנאה בלויז פון די תפלה אַליין!** ער האָט שוין זיין תענוג בלויז פון דאָס עצם גלייבן אַז דער אויבערשטער גייט אים העלפן!

### די האָפענונג צו משיח צדקינו ברענגט אַ 'בנין הבית'

די ראשונים פרעגן: פאַרוואָס ביי דעם ענין פון וואַרטן און האָפן אויף משיח צדקינו, איז נישטאָ דער כלל פון 'תוחלת ממושכה מחלה לב'?! אידן וואַרטן דאך שוין אַזויפיל יאָר און אַזאַ לאַנגע צייט, וויאַזוי איז דאָס נישט קיין סתירה צו דעם כלל פון שלמה המלך?!

די הסבר דערויף איז ווי מ'האָט גערעדט אַז: "דער בעל בטחון האָט אַ תענוג פון די עצם תפלה און פון די עצם בטחון".

דאָס זעלבע איז ביי דעם ענין פון גלות וגאולה; יעדע תפלה פון אַ איד אַז דאָס בית המקדש זאל געבויעט ווערן, ברענגט שוין תיכף ומיד אַ 'בנין הבית', **עס פּאַסירט שוין אַ געוויסע אור פון גאולה אויף דער וועלט!** ס'איז טאַקע נאָכנישט געשען באופן מושלם, מיט'ן בנין הבית אין דער שטאָט ירושלים, אָבער 'בפנימיות' געשעט אַן ענין פון גאולה אין דעם 'נפש האדם' יעדעס מאָל וואסס ער דאַוונט!

ווען אַ איד דאַוונט און האָפט אַרויס צו השי"ת ווערט בשעת מעשה אַ יחוד פון גאולה! צדיקים האָבן דאָס טאַקע מרגיש געווען אפילו בפועל. זיי האָבן געשפּירט די פּנימיות'דיגע גאולה וואָס איז געקומען דורך זייער ציפּוי לישועה.

די תלמידים פון הייליגן **רש"ש** האָבן נישט געקענט זאָגן נאָכ'ן דאַווענען שמונה עשרה די ווערטער: "עד מתי עוזך בשבי ותפארתך ביד צר", **ווייל זיי האָבן געשפּירט אַזוי שטאַרק דעם אור הגאולה!** זיי האָבן באַקומען אַזאַ ליכטיגקייט פון זייער דאַווענען, זיי האָבן געמאַכט אַזאַ יחוד, אַז זיי האָבן דאָס נישט געקענט זאָגן!

**וואָס האָט ער דערפון אַז ס'ליגט געלט אין זיין באַנק אַקאַונט?! ער האָט דאָך נישט באַקומען קיין חיות!**

אָבער פון דער אַנדערער זייט ווייסט אַ איד אַז מיר דאַרפן ווייטער וואַרטן אויף דעם בנין הבית בגלוי. אָט די תכלית און די תוצאה קענען מיר נישט אליין ברענגען, ווייל מיר קענען דאָך נישט מאַכן קיין תוצאות. בלויז השי"ת וועט דאָס ברענגען, בעת שתעלה רצון מאת הבורא יתברך שמו.

### אַרויסגיין פון דעם פּריוואַטן גלות דורך אמונה און תפלה

דאָס אַרבעט אויך **ביי יעדן מענטש, מיט זיין אייגענע גלות'ן.** למשל ווען מען האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט אַ שכן, אָדער מען האָט אן אַנדערע ענגשאַפט בין אדם לחבירו, זאָל מען אַלעמאָל געדענקן אַז די תוצאות זענען אַזויווי 'גשמים' און 'תחיית המתים', **מ'קען דאָס נישט ברענגען בכח!** אויב וועט מען פּרובירן דאָס ברענגען בכח וועט דאָס בלויז ברענגען אַ 'מחלת לב'.

ווען אַ מענטש טרעפט זיך אין אַ פּראָבלעם, ער שפּירט אַז ס'ווערט אים ענג, איז דאָ איין עצה: ער זאל מתפלל זיין צום אויבערשטן און ער זאָל זיך פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן! **דעמאָלט וועט אים דער רבוש"ע ברענגען גלייך די תוצאות תיכף ומיד!** ער וועט באַלד שפּירן דעם עונג וואָס די תפלה ברענגט, ער וועט מרגיש זיין אַ תענוג וואָס קומט בלויז פון השי"ת אַליין.

### לאָמיר נעמען די עצה פון דוד המלך ע"ה

מ'דאַרף דאָס חזר'ן און געדענקן אַז די תוצאות באַלאַנגט בלויז פאַר'ן רבוש"ע! די איינציגע לעזונג, וויאַזוי אַ מענטש קען יאָ אָנקומען צו זיין מטרה פון 'מנוחת הנפש' און 'תענוג' איז דורך זיך אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר'ן אויבערשטן. דעמאָלט וועט אים דער רבוש"ע געבן דעם אמת'ן געפיל פון תענוג און מנוחת הלב.

געוויס איז דאָך דער מענטש בלויז אַ בשר ודם און אפילו נאָכדעם וואָס ער דאַוונט איינמאָל, וועט ער שפּעטער נאָכאַמאָל ווערן פאַרקלעמט, דאַרף ער דערפאַר נאָכאַמאָל דאַווענען!

אַזוי לערנט אונז דוד המלך ע"ה: "היתה לי דמעתי לחם יומם ולילה באמור אלי כל היום איה אלקיך.." ווען דוד המלך איז געוואָרן צובראָכן, **וואָס איז געווען זיין עצה? ער איז נאָכאַמאָל געגאַנגען צום אויבערשטן!** "מה תשתוחחי נפשי ותהמי עלי, הוחילי לאלוקים כי עוד אודנו ישועות פּניו"! ער האָט זיך מחזק געווען מיט אמונה איינמאָל און נאָכאַמאָל! אַזוי האָט ער באַקומען דעם עונג פון השי"ת אליינס און אויף דעם זעלבן וועג קען יעדער איד ממשיך זיין אויף זיך דעם ריכטיגן 'מפתח של גשמים', די תכלית פון הנאה און שמחה!

קיינער אויף דער וועלט קען נישט אָנקומען צו דעם שליסל פון ריכטיגע עונג; אפילו איינער וואָס פאַרדינט אַסאַך געלט! דער 'מפתח של פּרנסה', דער אמת'ער געפיל פון הנאה, ליגט בלויז ביי השי"ת, און דאָס קען מען באַקומען בלויז דורך תפלה און דורך בטחון מיט נאָנטקייט צו השי"ת!

# אור החיים הק'

## אם כסף תלוה את עמי;

### די באַדייט פון דאָס איבריגע געלט וואָס ליגט ביי עשירים

ערש"ק משפטים א' אדר תשפ"א

א

## וכסף וזהב ירבה לך; פאַרוואָס האָבן מענטשן אַזויפיל געלט וואָס זיי נוצן ניטאַמאָל?

### די תורה נוצט אַ לשון ספק, אַנדערש ווי געווענליך

דער פּסוק זאָגט די וואך: **אִם כֶּסֶף תַּלְוֶה אֶת עַמִּי אֶת הֶעָנִי עִמָּךְ לֹא תִהְיֶה לוֹ כְּנֹשֶׁה** - ווען דו באַרגסט געלט פאַר אַן אָרימאַן זאָלסטו אים נישט מוטשען צו אָפּגעבן דאָס געלט אויב יענער האָט צו באַצאָלן.

דער **אור החיים הק'** אויפ'ן פּסוק ברענגט וואָס עס שטייט אין **מכילתא**, אַז אַלעמאָל, אין דער גאַנצער תורה, טייטשט מען אָפּ דאָס וואָרט "אם" אַלס אַ רשות; אויב דו ווילסט קענסטו עס טון און אויב דו ווילסט נישט דאַרפסטו עס נישט טון.

אָבער דאָ, ביי דעם פּסוק, איז עס די איינציגסטע מאָל, וואָס דאָס וואָרט "אם כסף תלוה" מיינט נישט "אויב דו ווילסט", נאר ס'איז אַ חיוב! ס'ליגט אַ מצוה אויף אַ מענטש וואָס האָט געלט צו באָרגן געלט פאר אַנדערע אידן אין נויט!

פרעגט דער אור החיים הק', אויב אַזוי איז דאך

**◄ אותיות מחכימות ►** אור החיים הק' פרשת משפטים (כ"ב כ"ד)

**אם כסף תלוה.** במכילתא רבי ישמעאל אומר כל אם שבמקרא רשות חוץ מזו וכו'. וצריך לדעת למה ידבר ה' בדרך ספק במקום ודאי.

ואולי כי בא הכתוב להודיע ולהשיב גם כן לאשר ישאל השואל, בראותו כי ירבה כבוד אדם, בזהב לרוב ואוצרותיו מלאים הון עתק ללא צורך בו. ויאמר אדם מה הנה אוצרות זהב לאדם ללא דבר, למה לא הספיק ה' לתת לו מזונותיו הצריכין, ולא יהיה זה גדול מיעקב אבינו אשר שאל (בראשית כח כ) לחם לאכול ובגד ללבוש.

הן אמת כי מה שיחסר לאדם מכדי צורכו, יש טעם בדבר, ליסרו על עונו. מה שאין כן אוצרות הון, למה לאיש אין לו צורך בהם.

לזה הודיע הכתוב כי הסובב דבר הוא אותם שאינם ראוים לקבל חקם לצד מעשיהם, כי ה' בחסדו נותן שפע הצריך בריוח לכל איש ואיש די מחסורו, והיה כי יחטא אדם ואינו ראוי לקבל פרנסתו בכבוד מא-ל הכבוד החלק המגיעו, לא יטלנו עליון אלא הרי הוא מתקבץ אל מקום אחר, ותהיה פרנסת הלז עם אדם אחר הבא לו דרך שם פרנסתו, ויתפרנס בפחיתות ובביזוי כאשר גזר הגוזר בצדק.

ויעשה ה' בדרך זה לב' מדות טובות, הא' להשתלם אדם בעולם הזה פעלו הרע, והב' כדי שיזכה הנותן באמצעות נתינת צדקה וחסד לרעהו.

וזה הוא אומרו 'אם כסף תלוה את עמי', פירוש אם ראית שהיה לך כסף יתר על מה שאתה צריך לעצמך, שאתה מלוה לעמי, תדע לך שאין זה חלק המגיעך, אלא חלק אחרים שהוא 'העני עמך', ובזה רמז כי צריך לפתוח לו משלו. ואולי כי רמז לו גם כן שלא יתנשא ויתגדל על העני בראותו כי הוא הנותן לו, והוא אומרו 'לא תהיה לו כנושה' לשון נשיאות ומעלה, כי משלו הוא נותן לו.

שווער, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק דאָס וואָרט "אם", וואָס באַדייט געווענליך אַ לשון ספק?! אויב איז טאַקע אַ חיוב צו באָרגן געלט, זאָל דער פסוק זאָגן קלאָר אַז ס'איז אַ מצוה וואָס מ'דאַרף טון אַלס אַ חיוב?!

### די באַקאַנטע שאלה; וואָס איז פשט פון אַזויפיל געלט?

זאָגט דער אור החיים הק' אַז דאָ ליגט באַהאַלטן אַ תשובה וואָס אַסאַך מענטשן פרעגן. אַז מ'לערנט נישט דעם אור החיים הק' מיינט מען אַז מען פרעגט דאָס אַליין, אָבער אַז מען לערנט אינעווייניג זאָגט אונז דער אור החיים הק': "יאָ יאָ, איך ווייס אַז דו גייסט עס פרעגן... די תורה פרעגט עס שוין און ענטפערט דערויף אַ תשובה".

וואָס איז די שאלה? "**בראותו כי ירבה כבוד אדם בזהב לרוב, ואוצרותיו מלאים הון עתק ללא צורך בו**". - מען זעט מענטשן וואָס האָבן גאָר אַסאַך געלט אָן קיין שום צורך דערביי.

ס'איז דאָ אַ ב"ה ביי אידישע קינדער ריזיגע געלטער בליעה"ר. מענטשן האָבן אָוועקגעלייגט נישט בלויז אויף צו קענען חתונה מאַכן די קינדער בהרחבה און זיי אויסהאַלטן, מ'רעדט נישט פון אַזעלכע נומערן... ב"ה ס'איז דאָ ביי אידן אַסאַך גרעסערע ציפערן. ס'איז חסידיש'ע היימישע אינגעלייט וואָס זיצן מיט עטליכע הונדערט מיליאָן דאָלער, וואָס זיי האָבן ניטאָמאָל וואָס צו טון דערמיט.

"**ויאמר אדם: מה הנה אוצרות זהב לאדם ללא דבר? למה לא הספיק ה' לתת לו מזונותיו הצריכין?**" - אַ מענטש פרעגט: וואָס איז פשט דערפון? וויאַזוי דאַרף אַ איד קוקן אויף אַזאַ סאָרט זאַך?!

ווען מ'זעט אַז אַ מענטש האָט פּרנסה זאָגט מען ברוך ה'! נותן לחם לכל בשר כי לעולם חסדו! ווען מ'זעט אַז אַ מענטש האָט ברייט פּרנסה איז עס ווייטער אַ גרויסער חסד ה', אידן דאַרפן האָבן געלט בהרחבה! אָבער **וואָס איז פשט פון אַזאַ מציאות אַז מענטשן האָבן אַוועקגעלייגט אין באַנק, פופציג מיליאָן, הונדערט מיליאָן, אַ האַלב ביליאָן?!** פאַרוואָס האָט דאָס דער אויבערשטער געמאַכט?! מ'דאַרף פאַרשטיין די פשט דערפון, פאַרוואָס זאָל אַ מענטש האָבן אַזעלכע סאָרט סכומים וואָס ער קען דאָס ניטאָמאָל נוצן?!

### אויף אָרימקייט איז נישט קיין קשיא

דער אור החיים הק' לייגט צו אַז פאַרקערט איז נישט קיין קשיא; ווען מ'זעט אַ איד וואָס ענדיגט נישט דעם חודש און ער איז אַביסל פאַר'חובות'ט חלילה, **דאָס איז נישט קיין שום קשיא, ווייל דאָס האָט דאָך אַ חשבון**.

עס קען זיין אַז דאָס איז "לכפרת עוונות", עס נעמט אים אַוועק אַלטע עבירות, אָדער ס'מאַכט אים נאָענט מיט'ן אויבערשטן, און אַזוי קען זיין נאָך אַ גאַנצע ליסטע פון סיבות פאַרוואָס אַ מענטש איז אָרים. ווען מ'זעט אַ אינגערמאַן וואָס מוטשעט זיך איז דאָס נישט אַזאַ קשיא, ווייל ס'איז דאָ אַ דערויף פשוט'ע תשובות וואָס שטייט אין חז"ל.

די פראַגע איז נאָר אויף די אַנדערע זייט: **וואָס איז פשט דערפון אַז מ'טרעפט מענטשן וואָס זיי האָבן אַ 'הון תועפות' אָן קיין שום געברויך דערפאַר?!**

לעצטנס איז אויסגעקומען צו זיצן אינאיינעם מיט אַ קבוצה אינגעלייט און איינער האָט דאָרט געפרעגט די קשיא: ער זעט אַסאַך אינגעלייט און בעלי בתים וואָס זיי האָבן ממש אָן קיין שיעור געלט: פאַרוואָס זאָל דער אויבערשטער טון אַזאַ זאַך?!

דאָס איז אַ גוטע שאלה, דער רבוש"ע איז דאָך 'הזן את כל העולם כולו בטובו" ער גיט פאַר יעדן זיינע באַדערפענישן, **פאַרוואָס זאָל ער געבן פאַר אַ מענטש אַזוי סאַך מער ווי זיינע באַדערפענישן?!**

ב

# במדה במשקל ובמשורה; יעדע דאָלער האָט אַ פּונקטליכע אַדרעס און אַ גענויע חשבון

### דאָס געלט באַלאַנגט פאַר אַנדערע מענטשן

קומט דער אור החיים הק' און זאָגט אונז דאָ, אַז דער פסוק פרעגט שוין די קשיא און ענטפערט דערויף אַ תירוץ!

די תירוץ איז אַז ס'איז דאָ מענטשן וואָס צוליב זייערע עוונות זענען זיי נישט זוכה אַז זייער באַשטימטע פרנסה זאָל אָנקומען צו זיי. דעריבער קומט זייער געלט אָן צו אַ צווייטע פלאַץ.

דער רבוש"ע מיט זיין חסד גיט פאַר יעדן מענטש זיין גאַנצע שפע מיט אַ רחבות, אָבער אויב דער מענטש זינדיגט חלילה, און ער איז נישט ראוי צו באַקומען זיין פרנסה מיט אַ געשמאַק און בכבודי'ג פון השי"ת אַליין. אָבער דאָס געלט וואָס באַלאַנגט פאַר אים גייט נישט דער אויבערשטער יעצט צוריקנעמען. נאָר דאָס ווערט איינגעזאַמלט ביי אַן אַנדערן פלאַץ.

### די סכומים גייען צו אַן אַנדערע אדרעסע

לאָמיר מאַכן אַ חשבון, לסבב את האוזן: וויפיל קאָסט דאָס לעבן פאַר אַלע אידישע קינדער?! וויפיל געלט דאַרפן זיי האָבן צו לעבן בהרחבה, מיט אַ ברייטקייט און אַ ישוב הדעת, צו קענען אַריינברענגען אַ שבת מיט אַ יום טוב און קענען מחנך זיין די קינדער?! **אַז מען מאַכט דעם חשבון קומט דאָס אויס צו אַסטראָנאָמישע סכומים!**

די גאַנצע סומע גייט יעצט נישט בלייבן אויבן! ס'גייט אַראָפּקומען דאָ אויף דער וועלט. אָבער אַז ס'איז דאָ אַ סיבה פאַרוואָס ס'קען נישט אָנקומען צו דעם מענטש וואָס דאַרף דאָס האָבן, צוליב

זיינע עבירות וכדומה, **דעמאָלט וועט עס גיין צו אַ צווייטן!** ערגעץ וואו גייט עס גיין!

עס שטייט נישט אין ערגעץ אַז דער וואָס גייט באַקומען די געלט איז אַ גרעסערער צדיק, ניין, ס'אַרבעט בכלל נישט אַזוי. דער יסוד פון דעם אור החיים הק' איז בלויז אַז דו זאָלסט וויסן אַז דאָס געלט גייט זיך דרייען דאָ אויף דער וועלט!

### נישטאָ אַזאַ זאַך: "ער האָט געוואוסט וואו צו אינוועסטירן"...

ווען דו הערסט אַזעלכע מאָדנע נומערן אַז אַ צווייטער איד פאַרמאָגט צוויי הונדערט מיליאָן דאָלער, און דו וואונדערסט זיך וואָס איז פשט דערפון? לערנט אונז דער אור החיים הק' אַז די ערגסטע תשובה וואָס מ'קען ענטפערן דערויף איז: "הערט זיך איין, ער האָט משקיע געווען אין די ריכטיגע פלאַץ אין די ריכטיגע צייט. ס'איז טאַקע באַשערט אָבער ער האָט געוואוסט וואו צו לייגן זיין געלט"...

ווער ס'זאָגט אַזוי, אפילו ער לייגט צו דעם 'לחש' פון "אַלעס איז באַשערט", **האָט פשוט נישט גערעדט צו דער זאַך.** ווייל דאָס מיינט אַז יענעמס איבריגע געלט איז אַנגעקומען 'בדרך מקרה', כאילו ס'איז פונקט געלונגען אַז ער האָט געטון די ריכטיגע שריט און אַזוי איז ער נתעשר געוואָרן...

דער אור החיים הק' לערנט אונז אַז **יעדע דאָלער וואָס ליגט ביי אַ מענטש האָט אַ פונקטליכע חשבון.** ווען אַ איד האָט הונדערט מיליאָן דאָלער און דערנאָך באַקומט ער נאָך פופציג דאָלער, איז די נייע פופציג דאָלער געוואָרן אויסגע'חשבונ'ט מיט אַ פונקטליכע חשבון אויף יעדע פרוטה!

### יעדע דאָלער האָט אַ גענויע חשבון

דאָס איז פונקט ווי אַ מענטש וואָס לעבט מורא'דיג מצומצם, אַלע זיינע הוצאות זענען אַראָפּגעשריבן אויף אַ פאַפּיר, און ער זעט אַז ער דאַרף ענדיגן דעם חודש אָבער עס פעלט אים נאָך בלויז דרייסיג דאָלער. ער טראַכט: "הלואי זאָל מיך איינער געבן עפּעס" און דערנאָך קומט אים אַריין פון ערגעץ גענוי דרייסיג דאָלער. שפּירט אַצינד דער מענטש אַז ער האָט ממש געזען דעם יד ה'! ער האָט דאָס געדאַרפט יעצט האָבן און דער אויבערשטער האָט אים עס געגעבן אין דער ריכטיגער מינוט!

**ממש די זעלבע יד ה' איז דאָ ביי אַ מיליאָנער וואָס דרייט מיט ריזיגע סכומים, און ס'איז אים אַריינגעקומען נאָך פופציג דאָלער!** יעדע פרוטה וואָס ער האָט קומט מיט אַ פונקטליכע חשבון!

דאָס געלט איז ממש אַקוראַט וויפיל מענטשן ס'איז דאָ אויף דער וועלט און וויפיל זיי דאַרפן האָבן צום לעבן מיט הרחבת הדעת. נאר עס פעלט פון איין פלאַץ און עס זאַמלט זיך אָן אויף אַ צווייטע פלאַץ.

ווען וועלט וואָלט געווען וועלט; ווען עס וואָלט געווען אין 'עולם השלם'; דעמאָלט וואָלט קיינער נישט געהאַט קיין איבריג געלט. אָבער היות ס'איז דאָ פאַרשידענע סיבות פאַרוואָס מענטשן קענען נישט באַקומען זייער באַשטימטע שפע, קומט דאָס אָן צו אַ צווייטן, וואָס **יענער האַלט זייער געלט ווי אַ פקדון!** דאָס געלט וואָס ליגט אין זיין באַנק אַקאַונט איז בעצם אַ צווייטנ'ס געלט!

### דער אָרימאַן דאַרף זיין אָנגעוויזן אויפ'ן עושר

דער אור החיים הק' ערקלערט ווייטער אַז השי"ת האָט אַזוי אויסגעשטעלט אַז ווען אַ איד מוטשעט זיך פאר פרנסה, דאַרף ער זיין אָנגעוויזן אויף די נדבה פון דעם עושר, וועלכער האַלט דעם אָרימאַן'ס געלט. אָבער דער אָרימאַן באַקומט עס בדרך בזיון. אַזוי האָט דער אויבערשטער גוזר געווען, בצדק ובמשפט, אַז דער 'עני' זאָל זיך דאַרפן דערנידערן און אַרבעטן אַביסל שווער כדי צו באַקומען זיין געלט.

דאָס הייסט אַז ווען דער גביר האָט זיך אָנגעוואַרעמט זיין האַרץ און ער האָט געגעבן טויזנט דאָלער אַז אַ צווייטער איד זאָל קענען חתונה מאַכן, **האָט ער בכלל נישט געגעבן זיין אייגן געלט!** ס'איז לכתחלה געווען יענעמ'ס געלט! מ'האָט אים בלויז געמאַכט פאר אַ שליח דאָס צו האַלטן און איבערגעבן.

### דער חסד ה' פון זיך מוטשן פאר פרנסה

דער אור החיים הק' זאָגט אַז השי"ת האָט דאָס אַזוי אויסגעשטעלט צוליב צוויי סיבות: די ערשטע טעם איז ווייל ווען אַ מענטש זינדיגט איז די גרעסטע מתנה פאַר אים אַז ער ווערט אָפּגעצאָלט אויף דער וועלט! **ס'איז די גרעסטע חסד אַז ער דאַרף זיך מוטשן צו באַקומען זיין פרנסה פון אַ צווייטן!**

די גמרא פאַרציילט אין **מסכת פסחים** (סוף פרק מקום שנהגו) אַז ס'איז געווען אַ כהן מיט'ן נאָמען 'יששכר איש כפר ברקאי' וואָס פלעגט טון די עבודה מיט הענטשוך אויף זיינע הענט. דאָס איז געווען אַ גרויסע בזיון פאר די עבודה אין בית המקדש. שפּעטער האָט ער באַקומען אַן עונש אויף דער וועלט אַז מ'האָט אים אָפּגעהאַקט די הענט ל"ע. פירט אויס די גמרא אַז רב יוסף האָט געזאָגט: "**בריך רחמנא דאשקליה ליששכר איש כפר ברקאי למיטרפסיה מיניה בהאי עלמא**" - געלויבט זאָל זיין דער אויבערשטער אַז ער האָט אים באַצאָלט און געענדיגט זיין עונש אויף דער וועלט, כדי אַז ווען ער קומט אָן אויף יענע וועלט וועט ער שוין נישט דאַרפן ליידן.

דאָס איז אַ טובה פון השי"ת ווען איינער מוטשעט זיך אַביסל צו באַקומען זיין געלט פון דעם עושר. אַזוי קומט מען אָפּ אויף דער וועלט!

### דער עושר האָט אַ ספּעציעלע שליחות

די צווייטע טעם, זאָגט דער אור החיים הק', אַז דערפאַר האָט השי"ת אַזוי אויסגעשטעלט, **כדי אַז דער עושר זאָל טון זיין שליחות פון געבן צדקה און טון חסד!** ביידע האָבן דאָ אַ שליחות. דער 'נותן' האָט אַ שליחות צו געבן און דער 'מקבל' האָט אַ שליחות צו נעמען.

מיט דעם טייטשט דער אור החיים הק' דעם פסוק "אם כסף תלוה" - אויב דו זעהסט אַז דו פאַרמאָגסט מער געלט וויפיל דו דאַרפסט האָבן, דו זעהסט אַז דו קענסט פאַרבאָרגן און געבן געלט פאר אַנדערע, זאָלסטו וויסן אַז **די סיבה דערצו איז ווייל דאָס געלט געהערט נישט פאַר דיר!** דאָס געלט באַלאַנגט פאר אַנדערע! "את העני עמך" - ס'איז דעם אָרימאַן'ס געלט! אודאי זאָלסטו אים דאָס געבן מיט אַ ברייטע האנט, **ווייל ס'איז דאָך נישט דיין געלט.**

דער אור החיים הק' זאָגט ווייטער אַז דאָס איז פשט אין פסוק "לא תהי' לו כנושה". ווען דו וועסט וויסן אַז דאָס געלט באַלאַנגט נישט פאַר דיר, **וועסטו זיך נישט גרויסהאַלטן אויף דעם אָרימאַן ווען דו גיסט אים געלט!** דאָס וואָרט 'נושה' קען זיך אויך ליינען מיט אַ לשון פון 'נשיאות'. זאָלסט זיך נישט גרויסהאַלטן ווען דו טיילסט געלט אָדער ווען דו באָרגסט אָן הלואה, ווייל דו גיבסט דאָך אים זיין אייגן געלט!

### געב נישט בלויז קיין 'הלואה'; געב 'צדקה'!

די פשט אין דעם אור החיים הק' איז, אַז ווען אַ איד האָט די מעגליכקייט, ער פאַרמאָגט אַ גרויסע עשירות, **זאָל ער נישט בלויז 'באָרגן' געלט, נאָר ער זאָל טאַקע 'געבן' צדקה!**

מיט דעם טייטשט ער "אם כסף תלוה" - אויב דו זעהסט אַז דו האסט איבריג געלט, גענוג צו פאַרלייען פאר אַנדערע מענטשן. דעמאָלט זאָלסטו וויסן אַז "את העני עמך" - דאָס געלט איז דעם אָרימאַן'ס! עס ליגט נאר ביי דיר אַלס אַ פקדון, **דעריבער געב אים עס פאַר 'צדקה', נישט בלויז פאַר אַן 'הלואה'!**

ג

## ומשביע לכל חי רצון; נישטאָ אַזאַ באַגריף פון איבריג געלט

### די ריכטיגע בליק אויף איבריג געלט

אַזוי ווי ביי יעדע זאַך, קען מען אויך אָפּלערנען דעם שטיקל אור החיים הק' אויף אַ נישט ריכטיגן אופן. דער אָרימאַן קען דאָס לערנען בלויז כדי צו ווייזן פאַר'ן עושר: "צדיק, דאָס איז מיין געלט! גיט מיר מיין געלט!"...

אָבער **אודאי איז דאָס נישט די מטרה פון לערנען דעם יסוד אין אור החיים הק'.** לאָז יעצט אָפּ דעם חלק פון 'מצות צדקה' אויף אַ מינוט;

קודם הייב אָן דערהערן דעם כלל אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי איבריג געלט אויף דער וועלט! יעדע פּרוטה האָט אַ חשבון! און אויב דו דערזעסט זיך מיט איבריג געלט זאָלסטו וויסן אַז בעצם איז דאָס געלט וואָס באַלאַנגט צו איינעם. יעצט זיי זיך מתבונן וואָס דו דאַרפסט טון דערמיט!

דאָס איז נישט בלויז געזאָגט געוואָרן פאַר אַן עושר, נאר ס'איז וויכטיג צו וויסן פאר יעדן איד, אַז ווען ער קוקט אויף אַ צווייטן זאָל ער נישט טראַכטן: "יענער האָט איבריג געלט, גענוג און נאָך". **ס'איז נישטאָ אַזאַ באַגריף פון "גענוג און נאָך"!** דאָס געלט וואָס ליגט ביי יענעם האָט אַ תכלית, אויב דאָס געלט גייט נישט פאר דעם תכלית דעמאָלט האָט יענער נישט אויסגעפירט זיין שליחות.

**דערפאַר איז טאַקע דער "נסיון העושר" פאַררעכנט ווי אַזאַ שטאַרקע נסיון**, ווייל בעצם דאַרף דער עושר אַלעמאָל זיך באַטראַכטן אַז עס ליגט ביי אים אַ פּקדון, **ער האָט אַ געוואַלדיגע שליחות!** דאָס געלט וואָס ליגט ביי אים דאַרף אָנקומען צו דעם ריכטיגן פּלאַץ און ער דאַרף טאַקע מתפּלל זיין אַז ער זאָל זוכה זיין צו טון די ריכטיגע זאַך מיט דאָס געלט.

### איזהו חכם הרואה את הנולד

מ'דאַרף אָבער וויסן אַז ס'קען זיין נאָך הימלישע חשבונות ביי אַזעלכע ענינים. דער אור החיים הק' זאָגט איין חשבון, אַז דאָס געלט באַלאַנגט פאר אַ צווייטן מענטש, אָבער ס'איז אויך נאָך אַנדערע חשבונות.

צום ביישפּיל איז דאָ אַסאַך מאָל וואָס השי"ת ווייסט אַז דער מענטש גייט שפּעטער דאַרפן האָבן גאָר אַסאַך געלט הוצאות, **דעריבער גיט מען אים יעצט גענוג געלט**, כדי אַז ער זאָל דאָס האָבן אויף שפּעטער, ווען ער וועט זיך נוטיגן דערינען.

אויב וועט דער מענטש יעצט פאַרפּאַטשקענען דאָס געלט אויף נאַרישקייטן, וועט ער דערנאָך זיך קלאַפּן 'על חטא', פאַרוואָס ער האָט דאָס אויסגענוצט, **השי"ת האָט דאָך אים עס געגעבן פאַר אַ סיבה**, אַז ס'זאָל אים צוניץ קומען!

צומאָל מאַכט זיך אַז ס'קומט זיי אַריין צו אַ מענטש איבריג געלט, וואָס ער דאַרף נישט יעצט האָבן אויף דער מינוט. די ערשטע מחשבה וואָס דער מענטש טראַכט איז וואָס ער גייט טון

# דאָס געלט וואָס ליגט אין זײַן באַנק אַקאַונט איז בעצם אַ צווייטנ'ס געלט!

דערמיט... אָבער **איין מינוט! לייג אויף אַ ווײַלע אַוועק דאָס געלט מיט אַ ישוב הדעת!** ס'איז מעגליך אַז אין אַ חודש אַרום וועט דיך אַרויספאַלן עפּעס אַ גרויסע הוצאה און דעמאָלט וועסטו שוין פאַרשטיין פאַרוואָס דער רבוש"ע האָט דיך געשיקט דאָס געלט, ווייל ער האָט געוואָלט מקדים זיין רפואה למכה!

אַזעלכע סאָרט סיטואַציע זענען ממש מעשים בכל יום אַז אַ מענטש באַקומט אַ נייע הכנסה, און ס'גייט בלויז דורך אַ חודש צוויי און ער זעט אַז ס'האָט זיך אים אָפּגעשטעלט פון דער אַנדערער זייט אַ צווייטע הכנסה. **יעצט כאַפּט ער אַז נאָך איידער ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט זיין שפע האָט אים דער אויבערשטער דאָס משלים געווען!** טאַקע ווייבאַלד עס גייט זיך אָפּשטעלן די קראַן פון איין זייט, האָט אים דער רבוש"ע מסדר געווען אַ פרישע צינור מיט אַ נייע הכנסה.

### קיינער באַקומט נישט מער פון די אייגענע צרכים

אַלענפאַלס איז דער כלל אַלעמאָל, אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ מושג אויף דער וועלט אַז אַ מענטש האָט איבריג געלט. **יעדע פּרוטה האָט אַ שליחות וואו עס דאַרף אָנקומען!**

אַ מענטש קען נישט זאָגן: "כ'האָב געכאַפּט נאָך אַ גוטע דיעל און כ'האָב פאַרדינט מער וויפיל איך דאַרף. אויף צום לעבן איז מיר טאַקע גענוג אַ געוויסע סכום אָבער כ'האָב געגעבטן דעם אויבערשטן אַז ער זאָל מיך געבן נאָך, און ער מיך געגעבן". ס'איז נישטאָ אַזאַ באַגריף פון "נאָך געלט"! אַ מענטש באַקומט פּונקטליך וויפיל געלט ער דאַרף אויסנוצן!

אַמאָל איז דאָ אַ מענטש וואָס פאַרדינט שוין גענוג שיין אויף צום לעבן אָבער ער לייגט זיך אַריין אין נאָך שווערע אַרבעט, און ער איז דאָס מלביש אַז "איך דאַרף דאָס האָבן חתונה צו מאַכן די קינדער"... באמת איז דאָס אָבער סתם אַ תירוץ, די רייך פאר פרישע געלט קומט אים בלויז פון דעם כלל פון "יש לו מנה רוצה מאתיים"!

ווען פעלט וויפיל געלט ווילסטו נעמען? דער רבוש"ע האָט דיך שוין געגעבן דיינע צרכים! מער פון דיינע צרכים גיט נישט דער אויבערשטער! **אויב האָסטו יאָ באַקומען איבריג געלט באַלאַנגט דאָס פאר איינעם אַנדערש!** אודאי מעגסטו האַנדלען און עוסק זיין במשא ומתן אויף אַ נאָרמאַלע אופן, אָבער זיי נישט פאַרנומען צו פּרובירן שלעפּן נאָך געלט, וואָס דו דאַרפסט שוין נישט האָבן! דער אור החיים הק' זאָגט פאר אַזאַ מענטש: **"הער זיך גוט צו, ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך אַז דו זאָלסט באַקומען אַ שפע וואָס איז מער פון דיינע צרכים!"**

### געדענקן אַז דאָס געלט קען נישט בלייבן ביי דיר

אויב דו זעהסט אַז דו האסט שוין דיינע צרכים, **געדענק אַז ס'איז דאך אַסאַך צרכים אויף דער וועלט!** מ'דאַרף האָבן מוסדות התורה, מ'דאַרף אויסהאַלטן תלמידי חכמים, מ'דאַרף העלפן אידישע קינדער מיט עניני רפואה, מ'דאַרף אַסאַך געלט צו העלפן מענטשן. דו ווילסט אַז דאָס געלט זאל דוקא קומען דורך דיר?! בסדר! **אָבער זאָלסט וויסן אַז דאָס איז איינעמ'ס געלט.** יעדע דאָלער האָט אַ תכלית וואו עס דאַרף אָנקומען און אַז ס'וועט אָנקומען צו דיר וועסטו דאַרפן טון דערמיט דעם תכלית.

יעצט האָסטו צוויי אויסוואַלן: אָדער קענסטו בעטן ביים פּסוק "פּותח את ידך ומשביע לכל חי רצון" צו באַקומען דיינע צרכים און נישט מער. אָדער קענסטו זיין פאַרנומען און פּרובירן צו באַקומען נאָך און נאָך געלט. אָבער זאָלסט געדענקן אַלעמאָל אַז דאָס געלט האָט אַ תכלית. ערגעץ וואו דארף דאָס אָנקומען. **ס'איז בכלל נישט קיין לייכטע נסיון דאָס צו אייביג געדענקן מיט אַ ריכטיגע התבוננות!**

ד

## עושר שמור לבעליו לרעתו; פסול'ע געלט ברענגט בלויז שאָדנס

### געלט פון דער סטרא אחרא לוינט זיך נישט

ווען מען רעדט פון דעם ענין דאַרף מען אויך דערמאַנען אַז ס'איז דאָ נאָך אַ מושג: **ס'איז דאָ אַזעלכע געלט וואָס קומט פון די 'סטרא אחרא', פון אַ נישט גוטע פּלאַץ.**

דער אויבערשטער האָט אַזוי אויסגעשטעלט אַז ווען אַ מענטש איז זיך חלילה מדבק צו די סטרא אחרא, איז ער יונק פון דאָרט. פּונקט ווי אַ מענטש קען יונק זיין פון די צד הקדושה, קען ער יונק זיין שפע וואָס קומט פון נישט גוטע מקורות.

דער שורש פון דאָס געלט קומט אודאי' פון דעם אויבערשטן, אָבער היות די קליפּה האָט דאָס באַ'גנב'ט איז דאָס שוין נישט קיין גוטע שפע.

**ווען דו ביזט יונק פון דאָרט האָסטו גענומען פון די קליפּה און עס לוינט זיך נישט**, אפילו ס'איז דאָ דאָרט אַסאַך געלט.

### אומגעזעצליכע געלט איז קיינער נישט מקנא

דאָס איז פּונקט ווי לגבי פאַרדינען געלט

בדרך הטבע. ס'איז דאָ א געווענליכע מהלך לויט'ן געזעץ וויאַזוי מ'קען צוביסלעך אויפבויען אַ ביזנעס. אָבער אַמאָל זעט מען אַ אינגערמאַן, וואָס איז נאָכנישט קיין צוואָנציג יאָר אַלט און ער דרייט שוין אַרום מיט מיליאָנען דאָלער... פאַרשטייט יעדער אַז עפּעס טויג נישט דאָ, ס'איז אומגעזעצליך. אפילו ער פאַרדינט אַסאַך געלט איז אים קיינער נישט מקנא ווייל יעדער ווייסט אַז דער סוף פון אַזאַ סאָרט געלט איז געווענליך גאַנץ אומבא'טעמ'ט.

דאָס זעלבע איז ברוחניות: דער רבוש"ע האָט געמאַכט אַ מהלך וויאַזוי מ'קען באַקומען שפע אויף אַן אויסגעהאַלטענעם וועג מצד הקדושה. אָבער אויב איינער נעמט געלט פון די סטרא אחרא איז דאָס אַזויווי גע'גנב'טע געלט.

וויאַזוי איז דאָס אָנגעקומען צו די קליפּה? מעגליך דורך איינעם וואָס האָט געדאַוונט אָדער געלערנט שלא בקדושה און ער האָט מוסיף געווען כח פאר די קליפות, דערפאַר איז דאָ דאָרט אַסאַך שפע. **אָבער דאָס איז גע'גנב'טע געלט, ס'איז נישט גוט!** ס'איז אַזעלכע סאָרט געלט וואָס עס לוינט זיך נישט צו האָבן, מ'דאַרף דאָס צוריקגעבן! צומאָל איז דאָס געלט וואָס מ'דאַרף פּשוט מבער זיין און נישט נהנה זיין דערפון.

## דער סקולענער רבי גיט צוריק דעם טשעק פון אַהאַלב מיליאָן פונט

עס האָט דערציילט אַ אינגערמאַן וואָס איז דאָרט געווען בשעת מעשה:

דער **סקולענער רבי** זצ"ל האָט דאָך אַסאַך עוסק געווען צו שאַפן געלט פאר די מוסדות "חסד לאברהם", וואָס עס האָט מייסד געווען אביו הגה"ק בעל **נועם אליעזר** מסקולען זצ"ל.

אַמאָל איז דער רבי געקומען קיין לאָנדאָן נאָך געלט, וואו ער איז איינגעשטאַנען אין שטוב פון הר"ר שמואל בערגער הי"ו אין גאלדערס גרין. איז דאָרט אַריינגעקומען אַ איד מיט אַזאַ קליין קאַפּעלע און ער האָט אַראָפּגעלייגט אויפ'ן טיש אַ טשעק פון אַ האַלב מיליאָן פונט! דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק ווען אַזאַ גרויסער סכום געלט איז געווען נאָך אַסאַך מער ווערד ווי היינט.

דער סקולענער רבי האָט געזען דעם טשעק אָבער ער האָט זיך אויסגעדרייט און געפרעגט: **"איר זענט אַ שומר שבת?"**. יענער האָט אָנגעהויבן דרייען מיט די צינג אַהין און אַהער. פרעגט אים דער רבי נאָכאַמאָל: **"איר זענט אַ שומר שבת?"**, זאָגט יענער אַז ער האָפט און ער מאַכט פאָרשריט צו קענען זיין איין טאָג אַ שומר שבת אָבער דערווייל איז ער ליידער נאָכנישט.

האָט דער סקולענער רבי גענומען דעם טשעק און עס צוריקגעגעבן פאר דעם מענטש, זאָגנדיג: **"ווען איר וועט היטן שבת, קענט איר צוריקקומען דאָס ברענגען!"**

די גבאים האָבן דאָס נישט געקענט אַראָפּשלינגען, אַזאַ ריזיגע סומע צו אויפגעבן? האָבן זיי אָנגעהויבן 'מסביר' זיין פאַר'ן רבי'ן אַז מ'קען דאָך נוצן דאָס געלט צו בויען בית הכסא'ס... אויב דער רבי האַלט אַז ס'איז נישט קיין כשר געלט וועט מען שוין טרעפן וואָס צו טון דערמיט...

אָבער דער סקולענער רבי האָט געזאָגט: **"איך ווייס אויך וואָס מ'קען טון מיט די געלט, אָבער איך קען נישט נעמען אַזאַ סאָרט געלט!"**.

אויך דער בעל אכסני', ר' שמואל בערגער, האָט פּרובירט זאָגן פאַר'ן רבי'ן אַז יענער איז בעצם אַ פיינער מענטש, און אַז ער האַנדלט מיט יענעם, אָבער דער רבי האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס: **"איך קען אַזעלכע געלט נישט צורירן!"**

וכך הוה. דער סקולענער רבי האָט צוריקגעגעבן דעם גאַנצן טשעק און ס'איז נישט געווען מער וואָס צו רעדן דערוועגן!

## פון דער סטרא אחרא קען מען גאָרנישט פאַרדינען

ווען עס קומט צו אַזעלכע סאָרט מצבים ווערט יעדער פלוצלינג גרויסע תלמידי חכמים... "אין דעם ספר שטייט דאך אַז מ'קען נוצן דאָס געלט פאר בית הכסא'ס אָדער אַנדערע אַזעלכע זאַכן... למעשה קען מען דאָך נוצן דאָס געלט צו מקרב זיין אידן, מ'קען דאָך אַזויפיל אויפטון, ס'וועט דאָך ברענגען אַזאַ קידוש ה'"...

אָבער דער סקולענער רבי זצ"ל האָט געפרעגט איין קשיא: **פון וואו ווילט איר דאָס נעמען?! פון די סטרא אחרא?!** פון יענע פּלאַץ קען מען נישט יונק זיין! ווייל אויב מען נעמט פון דאָרט גיט מען חיזוק פאר די קליפּה און מען פאַרדינט גאָרנישט!

ווען מען נעמט שפע וואָס קומט פון דער צד הקדושה און מען טוט דערמיט גוטע זאַכן, דעמאָלט ברענגט מען אַ קדושה אויף דער וועלט, מען קען מיט אַזעלכע געלט בויען תורה, תפלה, צדקה, הכנסת כלה, א.א.וו. אָבער דאָס איז בלויז אויב ס'ווערט געבויעט דורך שפע וואָס קומט פון דעם 'צד הקדושה'. ווידער אַזעלכע שפע וואָס קומט פון דעם 'צד הקליפה' איז גע'גנב'טע סחורה, **דאָס לוינט זיך נישט צו נעמען!**

אַלענפאַלס, ווען מיר זען אַז ס'איז דאָ עמיצער וואָס האָט גאָר אַסאַך געלט, דאַרפן מיר וויסן אַז דאָס איז אַ קשיא וואָס האָט עטליכע תשובות, און בדרך כלל איז גאַנץ גרינג צו וויסן וואָס איז די ריכטיגע תשובה... דער סקולענער רבי זצ"ל האָט געפרעגט איין קשיא און ער האָט שוין געוואוסט די תשובה.

## אַז מען איז חלילה פוגם איז מען יונק אַ קראַנקע שפע

דאָס איז אויך אַן ענטפער אויף די שאלה וואָס מ'הערט אַמאָל פרעגן אויף דעם וואָס ס'שטייט אין **ספרים הק'** אַז איינער וואָס היט זיך נישט די אויגן ריכטיג מאַכט קאַליע זיין שפע, ווייל ער נעמט הנאות פון וואו מען טאָר נישט, ער האָט דורכדעם פאַרפאַטשקעט די שפע און ער וועט דאָס נישט באַקומען פאר דער פרנסה. לכאורה זעט מען דאָך מענטשן וואָס זענען ליידער יאָ געשלאָגן אין דעם ענין פון 'שמירת עינים' און זיי האָבן אַסאַך געלט?

דער תירוץ דערויף איז פּשוט: די געלט וואָס קומט פון קדושה ווערט טאַקע אויסגענוצט אויב מען פירט זיך נישט ערליך, **אָבער ס'איז דאָ אזעלכע געלט וואָס קומט פון דער סטרא אחרא!** יענע געלט לוינט זיך נישט צו האָבן, אפילו פון אַן עולם הזה'דיגע בליק. ס'קומט מיט גאָר אַסאַך נאָכווייען. ס'איז שפע וואָס איז נישט גוט בעצם. ס'איז אַ קראַנקע שפע.

דאָס איז אַזויווי ס'ליגט אויפ'ן טיש אַ גרויסע אויסוואַל פון פאַרדאָרבענע אייער, פיש און מילך. יאָ, ס'איז טאַקע דאָ אַ גרויסע שפע, אָבער וויפיל מער מען נעמט דערפון, **וועט מען שפּעטער דאַרפן דאָס אויסברעכן** און מען וועט ווערן קראַנק דערפון ל"ע.

דער אור החיים הק' לערנט אונז אַז ס'איז דאָ זייער קלאָרע תשובות אויף דעם וואָס מענטשן האָבן איבריג געלט! אַמאָל דאַרף מען זיך מתבונן זיין מער און אַמאָל דאַרף מען האָבן ווייניגער התבוננות. אַמאָל פעלט זיך אויס צו מתפּלל זיין אַז מ'זאָל וויסן דעם תכלית און דעם תפקיד פון דאָס געלט, אָבער **דאָס איז זיכער אַז ס'איז נישטאָ קיין איבריגע געלט אויף דער וועלט!** יעדע פּרוטה האָט אַ תכלית, אַ מהלך, אַ מקור און אַ שורש.


פטרוני השבוע
יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

ידידנו הדגול
הרוצה בעילום שמו
לזכות רפואה שלמה בקרוב
יהודה גרשון בן שרה
הילד משה בן חנה
בתוך שאר חולי ישראל

לזכר נשמת
הרה"ק רבי חיים זאנוויל
בן רבי משה זצוק"ל
אדמו"ר מריבניץ

ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה

צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות
ביטע רופט: 718.387.1122 | info@machonhavineini.com

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק:
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא - ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש - ליד המקוה
The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג:
ביהמ"ד סאטמאר - בנין בראך-לאקער #214

ביהמ"ד בראשוב
Central Market
ביהמ"ד וויען - שמש שטיבעל

מאנסי
ביהמ"ד יטב לב דסאטמאר - 13 Monsey Blvd
ביהמ"ד סאלקא
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד זוועהיל - West maple
ביהמ"ד ראדאשיץ - Airmont

קול הבינני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223